הא נ ע א צייטונג אויף רומעניש „עת לדבר" וועגן דעם „קורות העתים" וועלכע איז דערשינען אין יאס נאָך אין יאָר 1855 און וועלכע איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג אין רומעניע, ווייסן מיר פון רייזינס לעקסיקאָן.

פון ד"ר דאָזיקער ביבליאָגראַפישער ארבעט איז צו זען, אז אין אלטן רומעניע, דוקא אין דעם אָפּ־געשטאַנענסטן יידישן ווינקל, האָט נישט שפּעטער ווי אין די אנדערע „אידלערע" יידישע לענדער אנגעהויבן זיך וועבן און שפּינען דאס גרויסע געוועב פון יידיש וועלטלעכער קולטור. ש"ס ראָמאַן קומט א יישר־כח פאר זיין מיהפּולער ארבעט.

י. פּ.

---

(פאָרזעצונג פון „קולטור־כראָניק", פון זייט 3).

## ר' נחמן בראסלאווער'ס מעשיות.

אין נוו־יאָרק איז אצינד דערשינען א וויסנשאפט־לעכע אויסגאבע פון ר' נחמן בראסלאָווער'ס וווּנדער־מעשיות מיט אן איינלייטונג, באמערקונגען, דערקלערונגען און באלייכטונגען לויט פארשידענע טעקסטן אין יידיש און העברעאיש פון ש. א. זעצער.

נח פּרעלוצקי, ווידמעט דעסדאָזיקן בוך א לענגערן ארטיקל מיט פאָלגנדיקער איינלייטונג וועגן נחמן בראסלאָווער:

מיט א פאָר צענטליק יאָר צוריק איז ארויס א נייע דייטשע איבערזעצונג פון „טויזנט און איין נאכט". הוגאָ פון "האָפמאַנסטאל האט דערמולט אין א קורצער נאָר גרויסארטיקער רעצענזיע א פראַג געטון: אין וואס באשטייט אייגנטלעך די אידעע פון דעם ווּדערבארן, אנדערטהאלב טויזנט יאָר אלטן און דאָך נאָך פרישן ווערק? און ער האָט פאר־ענטפערט די קשיה מיט אזא מין פיינעם געדאנק: סוף כל סוף איז די אידעע וועגן דער אונפארגלייכ־לעך־מעכטיקער ווירקונג פון דער קונסט וואס איז בכוח אריינצושטראלן אפילו אין די פארגרעבסטער נשמה און צו פארייִדלען דעם מגושמ'דיקסטן גייסט. נאָר מיט דער קראפט פון דער קונסט וואָס האָט געשטעקט אין שעכעראזאדעס מעשיות האָט די קעניגין מנצח געווען די בלוטדורשטיקע אינסטינקטן ביים אָריענטאלישן דיספּאָט און פון אן אכזריותדיקער חיה איז פארוואנדלט אין א מענטש מיט מענטש־לעכע געפילן.

ס'איז טשעקאווע צו פארצייכענען דעם היסטאָ־רישן פאקט, אז קנאפּע הונדע־ט יאר פאר דעם באַ־רימטן מערבאייראָפּעישן דראמאטורג און דיכטער, האט אן ענלעכן רעיון זעגן דעם מאָראלישן ווערט פון דער קינסטלערישער שאפונג, וואס הייסט מעשה, אבער נאָך מער קאטעגאָריש און שטארק ארויסגע־זאגט א מערקווירדיקער מזרח־אייראָפּעאישער ייד, וואס איז געקומען פון א פאלאריש־היפּכ'דיקער סביבה, איז אויסגעוואקסן גאר אין אן אנדער גייסטיקער וועלט, דהיינו — דער אסקעט, מקובל, רעליגיעזער דענקער, לערער, פילאָזאָף און הומאָריסט און גלייכצייטיק ראמאנטיקער, בענקער, בעל־הלומות, פּאָעט און קינ־סטלער, דער פירשטלעך שטאָלצער און נזיריש־ענייוות'דיקער, כל ימיו — פון מעכטיקע אויטאָרי־טעטן געיאגטער און געפּלאגטער חסידישער צדיק און נע־ונדניק מיט בייסיקן סארקאזם און מיטן זיניקן ליריזם — ר' נחמן בראסלאווער.

---

פאר דעם אנאָנסן־טייל נעמט די רעדאקציע נישט איבער קיין שום אחריות.


סעזאָן פונם 1־טן יוני ביזן 30־טן סעפּטעמבער.

# GOVORA קוראָרט

מינעראַל־וואסער, יאָד־ און סירקע־וואסער, וועלכע ווערן רעקאמאנדירט בא כראָנישע רעוומאטיזם, אר־טריטיזם, פאדאגרע, סיפילים, הויט־קראנקהייטן און בראכן.

פיזיא טעראפיע, אינגאלאציעס, פולווערי־זאציעס, גע־פרעסטער קוילן־זויער ליפט, ווי אויפן קוראָרט רייכנ־האַל. עלעקטרא וואסערוואנעס, דיאטערמיע, רענט־גען־ אולטרא־פיאלעט שטראל.

**האָטעל פאלאס** באזיצט מאדערנעם קאמפאָרט.

דער קוראָרט **קאלימאנעשט־קאטשיולאטא** מינעראלע סירקע־וואסער. אַפּפיר־וואסער צום טרינ־קען, וועלכע ווערן רעקאמאנדירט בא רעוומאטיזם, אנעמיע, לימפאטאן, מינדען א. ז. וו.

פיזיא־טעראפיע און הידרא־טעראפיע, אינגאלאציעס, פולווערי־זאציעס, דיאטערמיע, בלאטע־וואנעס און קוילן־זויער פיאלעט און רענטגען שטראלן.

דער גרויסער האטעל פון דער געזעלשאפט באזיצט אלע באקוועמלעכקייטן.

מ'קאָן זיך באָדן אין טייך, פאראן א פליאזש ביים טייך אלטא.

קאטשיולאטא מינעראלע, סירקע און ראדיאָ־אקטיווע וואסערן, וועלכע ענטהאלטן אין זיך קאלצי, וואָס איז אומפארגלייכלעך נויטיג ביים היילן פון נירן, לעבער, השתנה־דערן (שטיינער, זאמד), פאדאגרע, ארטריטיזם.

אין יוני און סעפטעמבער לויט א פארקלענערטן טאריף אויף וואנעס און „האָטעל.

נאָך אינפאָרמאציעס זיך ווענדן:

Soc. Calimanești-Govoara București I, str. Brezeanu 44

אדער צו דער אדמיניסטראציע פון קוראָרט.



בעלעטריסטישע און וויסנשאפטלעכע ווערק אין אלע שפראכן געפינען זיך אין דער

בוכהאנדלונג

# דר. י. בערנפעלד

עט קאָ.

טשערנאוויץ

סטראדא יאנקו פלאנדאר (הערנגאַסע) 22



געגרינדעט אין יאָר 1899.

די

# טיפּאָגראפיע מ. עבנער

טשערנאוויץ, הויפּשטראס 8

ליפערט פּראָמפּט און ביליק כלערליי דרוק־סאָרטן, צייטונגען, בראָשורן, בריפן און קוויוערטס, מעמאראנדן אפישן, עטצ. עטצ.

שטאמפּיליען ־ ערצייגונג.

זעצ־מאשין־ און סטערעאטיפּ־באטריב.



האָלץ־אינדוסטרי

# ברידער ארלערסבערג

פריהער פראסינער האָלצאינדוסטריע הערמאן אדלערסבערג

אייגענע האָלץ־פּראָדוקציע: דאמפזייגן פראסין, נעפּאָלאָקאוץ

צענטראלביורא: טשערנאָוויץ, סטראדא ד. פּעטרינא 4 (פריהער ארמעניערגאס)

טעלעפאָן 344 טעלעגראם־אדרעס: „פראסינהאָלץ" טשערנאוויץ טעלעפאָן 344



# Sanatoriu Regele Mihai I

**Direktor: Dr. OTTO SCHÄCHTER**

Tel.-Nr. 1060 u. 1062 Cernăuți. str. Perte Liciu (Franzosgasse) Tel.-Nr. 1060 u. 1062

פאר כירורגי, גינעקאָלאָגי, געבורטס־הילף, אינטערנע און רעקאָנוואלעסצענטן.

50 קאָמפאָרטאבל איינגעאָרדנעטע צימער מיט פליסענדיקן קאלטן און ווארעמען וואסער, צענטראל־באהייצונג. ליפט פאר קראנקן־טראנספּאָרט, דיעטישע קעך, רענטגען און לאבאראטאָריום, טעראסן, אלקערס און פארק. 50

מעסיקע צימערפרייזן. ערשטקלאסיקע פלעגע. מאסט־קורן.


Editor şi Redactor răspunsabil: S. A. Soifer. Tipografie E. M. Ebner, Cernăuți, str. Regele Ferdinand 8